# צבֿי קאַנאַר

## איך און למך

געווען איז דאָס אויפֿן ווערק צע, אינעם גיהינום אויף דרערד. אין האַרבסט 1943 זענען מיר דאָרט אָנגעקומען מיטן קראַקעווער טראַנספּאָרט פֿון פּלאַשו. שוין בײַם אַרײַנגאַנג אין לאַגער האָט זיך למך געוואָרפֿן אין די אויגן. מיר האָבן נישט פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי איז דאָס מעגלעך? ער איז דאָך נאָר וואָס מיט אונדז אָנגעקומען און שוין אויך דאָ עולה לעגדולה געוואָרן? דעם אמת געזאָגט האָבן מיר אים שוין גוט געקענט פֿון פֿריִער, פֿונעם יולאַג 1. אָבער דאָ אויפֿן ווערק צע האָט ער זיך געהאַט דערהויבן צו אַזאַ געפֿאַלנקייט וואָס זעלטן עמעצער איז צו דעם דערגאַנגען.

געטראָגן האָט ער ווי אַלע אָדעמענער (פּאָליציאַנטן) אַ טונקעלן מונדיר מיט הויכע אָפֿיציר-שטיוול, און אַ קײַלעכדיק היטל מיט אַ געלן מאָגן-דוד פֿון פֿאָרנט. אין דער לענג און אין דער ברייט איז זײַן מונדיר געווען פֿאַרשמירט מיט ברייטע געלע פּאַסן, ווי בײַ אַלע געפֿאַנגענע. אין דער האַנט האָט ער תּמיד געהאַט גרייט אַ לעדערנעם קאַנטשיק צו "האַלטן אָרדענונג." "קורוועס! ווילדע חיות!" פֿלעגט ער אויף אונדז שרײַען אין די פֿרימאָרגנס בײַ די "אַפּעלן" פֿאַרן אַרויסמאַרש אין די פֿאַבריקן אַרײַן צו דער אַרבעט, און דערבײַ פֿאַרפֿאָרן איבער די קעפּ מיט זײַן ברענענדיקן קאַנטשיק. אַז ס'איז אים נימאס געוואָרן דער קאַנטשיק פֿלעגט ער זיך באַנוצן מיט זײַן פּאַלקע. להפֿוך צו די אַנדערע אָ. ד.-מענער, וואָס זענען מײַנסטנס געווען הויכע שטאַנדיקע יאַטן, איז למך געווען אַ קליינוווקסיקער, מיט אַ פּאָר ברייטע פּלייצעס און קרומע קאָשלעוואַטע פֿיס, וואָס האָבן זיך נאָך מער קרום אָנגעזען אין זײַנע הויכע אָפֿיציר-שטיוול. פֿאַר למכן האָבן אַלע געציטערט, שיר ווי פֿאַר אַ דײַטש. "נאָך אַ מזל, וואָס זײ גיבן אים נישט קיין געווער אין האַנט," -- האָבן די געפֿאַנגענע געזאָגט.

ווי אַנדערש איז אָבער געווען זײַן צווילינג-ברודער בערל, אָדער פּאַן בערנאַרד, ווי אַלע האָבן אים גערופֿן. אויך ער איז געווען אַ

פּאָליציאַנט, כ׳וואָלט געזאָגט צו גוט פֿאַר אַ פּאָליציאַנט, אָבער ס׳איז נישט געווען צו פֿאַרגלײַכן. בערלען האָבן אַלע ליב געהאַט ס׳לעבן און דאָס איז געווען אַ זעלטנהייט ליב צו האָבן אַ פּאָליציאַנט. אפֿילו אין זײַן אָפּוועזנהייט האָבן אים אַלע גערופֿן פּאַן בערנאַרד, און זיך געווונדערט אויף דעם קאָלאָסאַלן אונטערשיד פֿון די צוויי צווילינג-ברידער. יעדן פֿרימאָרגן בײַם אַרויסגאַנג צו דער אַרבעט פֿלעגן אים אַלע באַגריסן מיט אַ ברייטן ״גוטן-מאָרגן, פּאַניע בערנאַרד.״ פּאַן בערנאַרד וואָס איז געשטאַנען בײַם טויער פֿון לאַגער און געציילט די אַרויסמאַרשירנדיקע רייען האָט אויף יעדער באַגריסונג צוריקגעגריסט מיט אַ נאָך ברייטערן ״גוטן מאָרגן.״ נישט איינמאָל פֿלעגט ער זיך צוליב דעם טועה זײַן און געמוזט נאָך אַמאָל אָנהויבן צו ציילן די רייען אויף נײַ.

אפֿילו די זעלבע מענטשן וואָס האָבן מיט אַ מינוט פֿריִער אַרײַנגעכאַפּט מיטן קאַנטשיק איבערן קאָפּ פֿון למכן, האָבן מיט אַ מינוט שפּעטער, ווי אויף צו להכעיס באַגריסט זײַן ברודער. ס׳האָט אויסגעזען ווי דער ״גוט מאָרגן״ וואָלט אַרײַנגעבראַכט אַ שטיקל מענטשלעכקייט אינעם לאַגער-לעבן.

קיין מאָל האָט מען נישט געזען די צוויי ברידער צוזאַמען. אין אָנהייב האָבן אַ אַ סך נישט געוווּסט אַז זיי זענען ברידער, און נאָך אַ צווילינג דערצו. כאָטש פֿיזיש זענען זיי מכּלומפּרשט [כּלומרשט] געווען ענדלעך איינער צום צווייטן, האָבן זיי דאָך פֿאַרשידן אויסגעזען. די הייך און דאָס געשטעל איז בײַ זיי געווען דער זעלבער.

דאָס יאָר 1942 האָט זיך קאילו אָנגעהויבן געוויינטלעך פֿאַר די ייִדן אין סלאָמע, אין פֿאַרגלײַך צו די לעצטע טעג פֿון דעם אַלטן יאָר. וואָלט זיך איצט מיטאַמאָל באַוויזן אַ פֿרעמדער, צי גאָר אַ מלאך פֿון הימל און אַ קוק אַראָפּגעגעבן פֿון אויבן, וואָלט ער געמיינט אַז דאָס שטעטל סלאָמע וואָס ליגט אײַנגעטוליעט אונטערן טיפֿן שניי, וואָס בלויז דער שפּיץ פֿון קלויסטער שטײַגט אַרויס, געהערט בכלל נישט צו קיין ווירקלעכקייט, נאָר צו עפּעס אַ מעשׂהלע פֿאַר קינדער. וואָלט ער אַראָפּגענידערט אַ ביסל נידעריקער וואָלט ער געקאָנט זען נישט ווײַט פֿונעם קלויסטער צוויי קײַלעכדיקע קופּאָלן וואָס שטאַרצן אַרויס פֿון אַן אַלטן פֿירקאַנטיקן בנין, ווי אַ זכר פֿון אַן אַלט עקזאָטיש לאַנד. בײַם אַרײַנגאַנג אויף דער טיר פֿונעם בנין וואָלט ער

געקאָנט לייענען, אין אויסגעקריצטע, האַלב-אויסגעמעקטע גאָלדענע אותיות, דעם ערשטן געבאָט פֿון די צען: ״אָ נ ו כ י ...״ און אַקעגן איבער דעם געבאָט ״לא תירצח.״ וואָלט ער זיך גוט צוגעקוקט, וואָלט ער געזען אַז די טיר פֿונעם בנין איז פֿאַרשלאָסן אויף זיבן שלעסער און אַז שוין פֿון לאַנג נוצט מען שוין נישט דאָס דאָזיקע הייליק הויז. וואָלט ער אַ קוק געטאָן, אויף דער צווייטער זײַט שטאָט, וואָלט ער געזען ווי קינדער גליטשן זיך אויף דעם פֿאַרפֿרוירענעם טײַך, און שליטלען זיך אויף דעם באַרג וואָס גרענעצט זיך מיט די הײַזער פֿון שטאָט. ער וואָלט בפֿירוש געקאָנט זען ווי טייל קינדער ציִען נישט אַרויס זייערע שליטלעך ביז צום שפּיץ באַרג ווי די אַנדערע קינדער טוען, כּדי פֿון דאָרט זיך צוריק אַראָפּצושליטלען, נאָר בלײַבן מיטאַמאָל שטיין אין מיטן באַרג, ווי זיי וואָלטן מורא געהאַט זיך צו דערנענטערן ביז צום שפּיץ, און שליטלען זיך אַראָפּ פֿונעם האַלבן באַרג. פֿון אָנהייב וואָלט ער נישט פֿאַרשטאַנען וואָס ס'קומט דאָ פֿאָר. אָבער ווען ער וואָלט אַביסל מער אויפֿגעמאַכט די אויגן וואָלט ער געזען אַז אין מיטן באַרג שטייט אַ סלופּ מיט אַן אויפֿשריפֿט: ״אַכטונג! עס איז שטרענג פֿאַרבאָטן פֿאַר ייִדן צו פֿאַרלאָזן דעם שטח פֿון שטאָט! פֿאַר פֿאַרלאָזן די שטאָט קומט טויטשטראָף!״

ער, דער פֿרעמדער, צי דער מלאך, וואָלט אויך געקאָנט זען, אַז די ייִדן אין שטאָט באַוועגן זיך בלויז אויף איטלעכע גאַסן אַרום דעם מאַרק. אַז קיין בערד מיט פּאות טראָגן זיי נישט, ווי אַמאָל, און אויך נישט קיין לאַנגע קאַפּאָטעס מיט ייִדישע קײַלעכדיקע היטעלעך, און אַז אויף די אָרעמס טראָגן זיי ווײַסע בענדער מיט בלויע מאָגן-דודס. ער וואָלט נאָך אַ סך זאַכן געקאָנט זען און זיך איבערצײַגן, אַז דאָס שטעטל סלאָמע איז בכּלל נישט קיין מעשׂהלע פֿאַר קינדער, ווי ס'האָט זיך אים אויסגעדאַכט פֿון דער הויך. און -- ס'וואָלט פֿאַר אים בעסער געווען ער זאָל זיך וואָס שנעלער אָפּטראָגן, אַהין פֿון וואַנען ער איז געקומען.

וואָלט זיך איצט, אין מיטן חודש יאַנואַר, דער קריג פֿאַרענדיקט, וואָלט מען הײַנט צו טאָג געזאָגט אַס אָט די מלחמה איז געווען אַ זייער שרעקלעכע מלחמה. טאַטעס, מאַמעס, באָבעס און זיידעס וואָלטן געהאַלטן אין איין דערציילן מעשׂיות פֿאַר זייערע קינדער און קינדסקינדער, וואָס די שטאָט סלאָמע האָט מיטגעמאַכט.

אייניקלעך וואָלטן צו פֿוסנס פֿון זייערע באָבעס זיך צוגעהערט מיט אָפֿענע מײַלער, ביז שפּעט אין די נעכט אַרײַן, וועגן די מעשׂים-נוראים, ווי אַזוי מענטשן זענען פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין חיות און געפֿרעסן איינער דעם אַנדערן. דערבײַ וואָלט מען דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן און צוגעגעבן: "נישט הײַנט געדאַכט". בשום אופֿן וואָלט מען נישט מוחל געווען דעם מעריבֿדיקן גרויסן שכן-לאַנד, צו וואָס פֿאַר אַ נסיונעסן ער האָט אונדז צוגעבראַכט. די מחלוקתן אין שטאָט וואָלטן אפֿשר אָנגעגאַנגען ביזן הײַנטיקן טאָג, ווער ס'איז יאָ צי נישט גערעכט געווען. צי האָט מען יאָ צי נישט געדאַרפֿט מיטאַרבעטן מיטן רוצח. קען זײַן אַז טייל מענטשן וואָלט מען אַרײַנגעלייגט אין חרם, זיי אויסגעשלאָסן פֿון כּלל ישׂראל.

און אפֿשר וואָלט מען גאָר זיי אַלע מוחל געווען? ווײַל אויך זיי, די באַשולדיקטע, וואָלטן געהאַט זייערע טענות, און באַשולדיקט גאָר די אַזוי-גערופֿענע שיינע ייִדן, וואָס בשעת צרה האָבן זיי פֿון זיך אַראָפּגעוואָרפֿן יעדער מין אַחריות פֿאַרן קהל און געשטאַנען אין אַ זײַט, שטאָט צו האָבן מוט צו שטיין אויג אויף אויג מיטן שׂונא. מען וואָלט הײַנט זיכער געפֿײַערט, יעדער יאָר, צווישן חנוכּה און פּורים, אַ נײַעם נס-יום-טובֿ מיט זאָגן הלל, וואָס מען איז פּטור געוואָרן פֿון אַ נײַעם המן. געדאַנקט דעם השם יתברך וואָס האָט ווידער באַוויזן נישט צו פֿאַרלאָזן זײַן פֿאָלק ישׂראל. אַלץ וואָלט געשטימט ווי עס ווערט געברענגט אין די הייליקע ספֿרים. עס האָט זיך אָבער גאָר אַנדערש אָפּגעשפּילט....

דער חודש יאַנואַר איז נאָך כּמעט נישט געהאַט פֿאַרבײַ, ווי מיט אַמאָל האָט זיך צעשפּרייט אַ קלאַנג אין שטאָט אַז אין קורצן וועט מען דורכפֿירן אַן "אַקציע". קיינער האָט נישט געוווּסט וואָס דאָס איז אַזוינס "אַן אַקציע", און קיינער האָט נישט געוווּסט פֿון וואַנעט דער קלאַנג שטאַמט. געווען אַזעלכע וואָס האָבן געזאָגט אַז די גאַנצע אידייע איז נישט מער ווי סתּם אַ המצאָה פֿון געלבאָרדן פֿאַר אַ נײַער פּרנסה. וואָס מער טעג עס זענען פֿאַרבײַ, אַלץ מער האָט מען גערעדט וועגן אַן אַקציע, ביז קיינער האָט מער נישט געצווייפֿלט אַז אַן אַקציע וועט פֿאָרקומען. נאָר וואָס דאָס איז, האָט קיינער נישט געוווּסט, נישט געקאָנט זיך פֿאָרשטעלן. האָבן זיך ייִדן געבראָכן די קעפּ און אַן אומהיימלעכער שווידער האָט אַרומגעכאַפּט פֿון גרויס ביז קליין. טייל האָבן געזאָגט אַז אַן אַקציע מיינט -- אַ מין פּאָגראָם

רחמנא-לצלן. די עס-עס פֿאַלן אָן אויף אַ שטעטל און ברענגען אום וועמען זיי טרעפֿן, געגנוי ווי אין די צײַטן פֿון כמעלניצקי. אַנדערע ווידער האָבן געטענהט אַז סע וועט פֿאָרקומען אַן "אויסזידלונג," פֿון אַ טייל, צי פֿון אַלע ייִדן. ווּ אַהין האָט קיינער נישט געוווּסט.

צווישן פּורים און פּסח האָבן זיך נײַע קלאַנגען פֿאַרשפּרייט. ווער ס'האָט זיי פֿאַרשפּרייט האָט ווידער קיינער נישט געוווּסט. דאָס מאָל האָט מען די קלאַנגען נישט צעפּויקט אויפֿן קויל, נאָר שטיל זיך געשושקעט אויפֿן אויער, ווי אַ גרויסן סוד, כּדי חס-ושלום, נישט אָנצומאַכן קיין בהלה. מען האָט זיך געסודעט אַז פּרען וואָס אין ערגעץ ווײַט, ווײַט, אויף יענער זײַט בוג, אין אוקראַיִנע, אויף די נײַע פֿאַרנומענע געביטן, קומען פֿאָר מעשׂונעדיקע גרויל-מעשׂים קעגן ייִדן. מע זאָגט, און דערבײַ האָט מען דרײַ מאָל אויסגעשפּיגן, אַז מען קוילעט דאָרט אויס גאַנצע קהילות. אַלץ איז אָבער געווען אַזוי נישט קלאָר, ווי אַ סך זאַכן זענען דעמאָלט נישט געווען קלאָר. בלויז געלבאָרד, דער מסור, האָט גערעדט קלאָרע דיבורים:

"ייִדן, ס'טויג אין דר'ערד!" -- פֿלעגט ער זאָגן, דער עיקר בעת ער איז געווען בגילופֿין. און בגילופֿין איז ער תּמיד געווען. דער רבֿ פֿון שטאָט, רב יודל, פֿלעגט זיך גוט צוהערן צו זײַנע רייד. און נאָך יעדן אַזאַ זאָג, וואָס דער מסור האָט אַרויסגעלאָזט פֿון זײַן מויל האָט דער רבֿ אויסגערופֿן אַ תּענית בציבור.

"תּעניתים וועלן העלפֿן ווי אַ טויטן באַנקעס!" האָט דער מסור געלאַכט, גאָט האָט אויסגעדרייט דעם דאַשעק און מאַכט זיך כּלא-ידע...."

און וואָס וועט יאָ העלפֿן, פּאַניע געלבאָרד?" האָט דער רבֿ פֿון גרויס פּחד מיט אַ מאָל אָפּגעגעבן כּבֿוד דעם נײַעם מלך, טיטולירנדיק אים פּאַן.

-- "גאָרנישט רבי וועט העלפֿן! אַלץ איז פֿאַרלוירן!!" דער רבֿ איז געווען דער איינציקער ייִד אין שטאָט פֿאַר וועמען דער מסור האָט נאָך געהאַט אַ שטיקל דרך-ארץ. דאָס לעצטע יאָר האָט ער דעם אַלטן רבֿ מיט דער רעבעצן אויסגעהאַלטן מיט פּרנסה. ער האָט אויך באַשיצט דעם רבֿ פֿון די דײַטשן פֿאַר טראָגן אַ באָרד מיט פּאות,

ממש ביז צו דער לעצטער מינוט, ווײַל טראָגן אַ באָרד מיט פּאות איז געווען שטרענג פֿאַרבאָטן.

די ייִדן אין סלאָמע האָבן אין אָנהייב נישט געגלויבט, אָדער נישט געוואָלט גלויבן, אין די אַלע אויסטערלישע קלאַנגען. אָבער ביסלעכווײַז, ווען עס זענען אָנגעקומען מער באַגלייבטע אידייעס, ווי למשל אַז מען האָט אַרויסגעשיקט אַ טראַנספּאָרט מיט מענטשן פֿונעם קראָקעווער געטאָ אין אַן אומבאַקאַנטער ריכטונג אַרײַן, האָבן זיך די סלאָמער ייִדן אָנגעכאַפּט אין אַלץ וואָס מען קאָן זיך אָנכאַפּן, אַבי זיך צו ראַטעווען....

געלבאָרד האָט איצט געפֿונען אַ נײַע פּרנסה. ער איז געקומען צו די פֿאַרמעגלעכע ייִדן, נישט בלויז פֿון סלאָמע, נאָר אויך פֿון דע אַרומיקע שטעטלעך אין מלך-עליענס גיטער, און זיי פֿאָרגעשלאָגן, פֿאַר גוט געלט, פֿאַרשטייט זיך, זיי, אָדער זייערע זין, זאָלן ווערן פּאָליציאַנטן, אָדער מיטגלידער אינעם יודנראַט און אַזוי אַרום זיך ראַטעווען מיט זייערע משפּחות פֿון ווערן אַוועקגעשיקט. ער האָט זיי פֿאַרזיכערט, אַז דעם יודנראַט וועט מען נישט רירן. צווייטנס, געלבאָרד האָט נישט געדאַרפֿט צו זיי קומען, זיי זענען צו אים אַליין געקומען, זיך געבעטן, און אים געפֿאַלן צו די פֿיס ווי פֿאַר אַ קעניג, ער זאָל זיי ראַטעווען.

צו אַבֿרהם ביעליצקין, וווּ ער האָט אים שוין איין מאָל כּלומרשט אָפּגעראַטעוועט, איז געלבאָרד אַליין געקומען מיט דעם פֿאָרשלאַג, אַז זײַנע צוויי זין, למד מיט בערלען, זאָלן ווערן פּאָליציאַנטן, און אַזוי אַרום אָפּראַטעווען זײַן משפּחה. דער שטאָלצער אַבֿרם ביאַליצקי, דער גבֿיר פֿון סלאָמע, האָט פֿײַנט געהאַט דעם מסור שׂינאת-מוות ביזן צענטן דור אַרײַן. אין נאָרמאַלע צײַטן וואָלט זיך אַזאַ גראָביאַן ווי געלבאָרד נישט דערוואַגט אפֿילו אַריבערצוטרעטן די שוועל פֿון זײַן הויז. הײַנט אָבער איז ער דער קעניג פֿון די ייִדן, מישטיינס געזאָגט. האָט זיך אַבֿרם ביאַליצקי געטראַכט און דערבײַ אַראָפּגעלאָזט די אויגן, כּדי נישט אָנצוקוקן דעם מסורס טרייפֿענע פּנים.

"וואָס קווענקלט איר זיך אַזוי, רב אַבֿרהמטשע?" -- האָט אים דער מסור געפֿרעגט מיט אַ בייזיק געלעכטערל, "וואָס? כ'פֿאַרלאַנג אפֿשר

צו פֿיל געלט! מע ווייסט! אַלע ווייסן אַז איר האַלט באַגראָבן גאַנצע אוצרות, נישט בלויז אין דר'ערד, נאָר אויך בײַ די פּרצים און בײַ די פּויערים אין די דערפֿער. גלויבט מיר, רב אַבֿרהמטשע, אַז סע וועט אײַך פֿון דעם אַלעס גאָרנישט בלײַבן! זיי וועלן אײַך גאָרנישט צוריקגעבן די גויִים, אפֿילו נישט נאָך דער מלחמה. און ס'איז נאָך אַ גרויסע פֿראַגע צי מיר ייִדן וועלן בכּלל דערלעבן ביז נאָך דער מלחמה! דערווײַל דאַרף מען ראַטעווען וואָס מע קאָן ראַטעווען!" האָט דער מסור גערעדט מעשׂה קהל-פֿאַרזאָרגער.

"אויב אַזוי, פּאַניע געלבאָרד", האָט אים אַבֿרם ביאַליצקי בעין ברירה אָפּגעגעבן כּבֿוד רופֿנדיק אים "פּאַניע," אַנשטאָט מאָשקע חזיר דוואָשעס, ווי מ'האָט אים אַמאָל גערופֿן אויף זײַן מאַמעס נאָמען, ווײַל ער איז נאָך ווי אַ פּיצעלע קינד געוואָרן אַ יתום, "אויב אַזוי, אויב איר מיינט באמת, אַז מיר ייִדן וועלן חס-ושלום נישט איבערלעבן די מלחמה, טאָ צו וואָס טויגן די אַלע געשעפֿטן? צי וואָס זענט איר גראַדע צו מיר געקומען? מיט וואָס בין איך דען בעסער פֿון די אַנדערע ייִדן?"

"רב אַבֿרהמטשעלע, כ'זע אַז איר וויצלט זיך ווי אין די אַלטע גוטע צײַטן ווען איר זענט נאָך געווען אין די פֿעדערן. פֿעטערס און מומעס -- האַ....נישטאָ מער "טשיאָטשיו-וווּיטשעה!" -- (געמיינט די משפּחות ביעליצקיס, די קויפֿמאַנס, די זײַדמאַנס, וואָס האָבן זיך כּסדר צווישן זיך משדך געווען און געשאַפֿן אַ מין שבֿט, וואָס איז געווען דאָס אויבערשטע פֿון שטייסל אין שטאָט) "עס זענען פֿאַרבײַ די גוטע צײַטן פֿון אַמאָל, פֿון שיינע ייִדן, מיט פֿעטע הינדעלעך און ייַכעלעך אויף שבת.... הײַנט עס איך הינדעלעך מיט ייַכעלעך יעדן טאָג! איר הערט רב אַבֿרהמטשעלע?! יעדן טאָג!!! און מײַן מאַמע שטאַרבט מער נישט פֿון הונגער....

די קלאָרע דיבורים פֿונעם מסור האָבן ווי אַ האַמער אַ זעץ געגעבן איבערן קאָפּ פֿון דעם שטאָלצן גבֿיר פֿון סלאָמע. דאָס פּנים זײַנס האָט זיך צעפֿלאַמט ווי אַ פֿײַער, און קאַלטע טראָפּנס שוויס האָבן אַרויסגעשפּריצט אויף זײַן צעהיצטן שטערן. ער האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ס'איז גאָרנישט אַרויסגעקומען. חוץ אַ יענקעניש. ווי קעגן זײַן ווילן האָבן זיך זײַנע אויגן אָנגעטראָפֿן מיט די שפּיציקע אויגן פֿונעם מסור פֿון וועלכע אַ נקמה-געלעכטערל האָט

אַרויסגעבליצט פֿון זײַנע שוואַרצאַפּלען, און ווי די שאַרף פֿון אַ חלף זיך אײַנגעשניטן אין ביאַליצקיס האַרץ. אַלץ האָט זיך אין אים געוואָרפֿן פֿון פּחד, פֿון אַ מאָדנעם פּחד, וואָס אפֿילו פֿון די דײַטשן האָט ער דאָס נישט געקאָנט. -- 55,000 זלאָטעס?! -- האָט דער מסור געפֿאָדערט, ״און אײַערע צוויי זין וועלן ווערן פּאָליציאַנטן!״

למד און בערל האָבן אָבער געהאַט אַנדערע פּלענער. די צוויי ברידער האָבן זיך שוין פֿון אַ לענגערער צײַט אַרומגעטראָגן מיט אַ חלום זיך אַריבערצוכאַפּן אויף יענער זײַט ווײַסל, ווו מען דערציילט, אַז אין די טיפֿע וועלדער גראַסירן פּאַרטיזאַנער. דערווײַל האָבן זיי קיין ברירה נישט געהאַט און געהאָרכט דעם פֿאָטער צו ווערן פּאָליציאַנטן, כאָטש אַבֿרהם ביאַליצקי האָט איצט אַליין געקאָנט זײַן דער ראָש כּלל-טוער אינעם יודנראַט, אויב ער וואָלט ווײַטער פֿאַרבליבן אויף זײַן ערן-פּאָסטן ווי דער פּרעזעס פֿון דער ייִדישער קהילה. נאָך סוף חודש סעפּטעמבער 39׳ ווען די דײַטשן האָבן פֿאַרנומען די שטאָט, האָבן זיי באַפֿוילן אויפֿצושטעלן אַ יודנראַט. אייגנטלעך האָבן די דײַטשן געוואָלט אַז די זעלבע מענטשן פֿון דער ייִדישער קהילה זאָלן ווײַטער פֿאַרבלײַבן אויף זייערע פּאָסטנס. אָבער אַזוי ווי כּמעט אַלע אָנפֿירערס פֿון דער קהילה האָבן מער נישט געוואָלט האָבן דעם כּבֿוד, צוליב פֿאַרשטענדלעכע סיבות, האָבן זיך אויף זייערע פּלעצער אַרויפֿגעזעצט מענטשן וואָס אפֿילו אין די ווילדסטע חלומות זייערע, וואָלט זיי נישט אײַנגעפֿאַלן צו חלומען וועגן פֿאַרנעמען אַזעלכע פּאָזיציעס בײַ קהל. די דײַטשן ווידער איז נישט געגאַנגען אין לעבן וועלכע ייִדן עס זיצן אין יודנראַט. באַפֿעלן האָבן אַלע געמוזט אויספֿילן. איצט האָבן זיי געקיניגט ביד-חזקה, טיף געזונקען און געקיניגט, און זיך נאָך אײַנגערעדט אַז זיי דינען זייערע ברידער, אַז ווען נישט זיי וואָלט נאָך געווען ערגער.

אַבֿרהם ביעליצקי האָט מיט אַ שווער האַרץ מסכּים געווען אַז זײַנע צוויי זין זאָלן ווערן פּאָליציאַנטן, און אַזוי אַרום אפֿשר אָפּראַטעווען דאָס וואָס לאָזט זיך אָפּראַטעווען. פֿון דער צווייטער זײַט האָט ער זיך געפֿילט אַ געצוווּנגענער דורך דעם מסור. ער איז גאַנצע נעכט נישט געשלאָפֿן. דאָס געוויסן זײַנס האָט אים געפּײַניקט, געפֿרעסן, און נישט בלויז דאָס געוויסן, נאָר אויך די מורא פֿאַר גאָט. ער האָט געוווּסט אַז ער זינקט, אַז ער איז געפֿאַלן, נישט ווייניקער ווי די אַנדערע מענטשן פֿונעם יודנראַט, און אפֿשר נאָך טיפֿער....ער האָט

געפּרוּווט זיך אײַנרעדן אַז ער טוט דאָס צוליב זײַן ווײַב און קינדער. אָבער די מענטשן פֿון יודנראַט טוען דאָך גענוי דאָס זעלבע, אויך זיי האָבן ווײַבער מיט קינדער. אָבער די מחשבֿה אַז ער קאָן אפֿשר ראַטעווען זײַן משפּחה, איז געווען שטאַרקער פֿון אַלץ.

זינט למך מיט בערלען טראָגן קײַלעכדיקע פּאָליצײ־היטלעך מיט אַ געלן שטערן פֿאָרנט, דאַכט זיך אים אַז די מענטשן מײַדן אים אויס. אפֿילו טייל גוייִשע שכנים, האָט ער באַמערקט, דרייען לעצטנס פֿון אים אַוועק דעם קאָפּ. זײַנע צוויי ברידער, די שוועסטערס און שוואָגערס קומען לעצטנס זעלטן אין זײַן הויז אַרײַן. די קינדער זייערע באַווײַזן זיך בכּלל נישט. דער פֿאָטער זײַנער, רב אפֿרים, דערמאָנט אפֿילו נישט מיט אַ וואָרט, אַז זײַנע אייניקלעך זענען געוואָרן פּאָליציאַנטן. אמת, ער האָט די צוויי זין אָנגעזאָגט ווי אַזוי זיך אויפֿצופֿירן, און יעדן טאָג פֿרעגט ער זיי אויס ווי אַזוי דער טאָג איז פֿאַרבײַ. צי האָבן זיי, חס־ושלום קיינעם נישט באַוועלט, צי, חלילה, קיינעם נישט באַליידיקט. אָבער גיי זײַ אַ פּאָליציאַנט אונטער די דײַטשן און קיינעם נישט באַוועלן....

די דײַטשן, אָנהייבנדיק פֿונעם גענעראַל־גאָווערנאַטער אין קראָקע ביז צו דעם קלענטוסטן באַאַמטן אין סלאָמע, האָבן "געפֿירט טיש," יעדער איינער פֿאַר זיך. יעדער איינער האָט אַרויסגעגעבן גזירות און באַפֿעלן וואָס ייִדן מעגן יאָ טאָן און נישט טאָן. ס'האָט אויסגעזען ווי זיי וואָלטן צווישן זיך קאָנקורירט ווער ס'וועט אַרויסגעבן שטרענגערע באַפֿעלן. אונטער יעדן באַפֿעל איז געווען צוגעטשעפּעט, אין גרויסע אותיות, אַז פֿאַר נישט אויספֿילן דעם באַפֿעל קומט טויטשטראָף. די באַפֿעלן פֿלעגט מען אַרויסהענגען אויף דער מויער פֿונעם יודנראַט. ייִדן פֿלעגן לייענען, קרעכצן און קריצן מיט די ציין. נישט איין מאָל ווען ס'האָט זיך די דײַטשן אויסגעדאַכט אַז מען פֿילט נישט אויס די באַפֿעלן פּינקטלעך, ווי עס דאַרף צו זײַן, האָבן זיי אַראַנגעפּראַלט אינעם יודנראַט און געפּאַטשט דעם פֿאָרזיצער, אָדער געשמיסן מיט זייערע קאַנטשיקעס איבער די קעפּ פֿון די דאָרטיקע פּאָליציאַנטן. איין מאָל האָבן זיי דערשאָסן אַ באַאַמטן פֿונעם יודנראַט ווײַל ער האָט געוואַגט צו ענטפֿערן אַ וואָרט, וואָס ס'איז זיי נישט געפֿעלן געוואָרן. ס'האָט אויסגעזען ווי דער יונדראַט איז לעצטנס גאָר געוואָרן דאָס גרעסטע כּפּרה־הינדל. און כאָטש קיין גרויסע ליבע האָט קיינער נישט אַרויסגעוויזן צו זיי, האָט מען

דאָך פֿאַרשטאַנען אַז ס׳איז אָך און ווײ אַז מען נעמט זיך שוין אויך צום יודנראַט. ביז איצט האָט מען זיך אײַנגערעדט, אַז דער רבֿ זשאַנדאַרמען אין שטאָט זענען אונטערגעקויפֿטע פֿאַרשווינען דורך געלבאָרדן און דעם יודנראַט. זײ האָבן זיך געדרייט אויף די גאַסן אין זייערע אויסגעפּוצטע געמזאָווע שטיוול, און אַלע האָבן געוווּסט פֿון וועמען דאָס קומט. די גאָלדענע זייגערלעך אויף זייערע הענט זענען אויך געווען ייִדישע, נישט דווקא צוגערויבטע בײַ ייִדן, אלא, פֿאַרקערט, מ׳האָט זײ פֿרײַוויליק געשאָנקען ווי מתּנות, כּדי זײ זאָלן נישט צו פֿיל ווילדעווען. אויך די מונדירן, זייערע, די העמדער, אפֿילו די אונטערוועש, זענען געווען פֿון ייִדיש האָב-און-גוטס.

אינעם יודנראַט זענען געזעסן טאָג און נאַכט שנײַדערס, שוסטערס און נייטערינס און געהאַלטן אין איין מאַכן שטיוול, אוניפֿאָרמען און קליידער פֿאַר די דײַטשן און זייערע ווײַבער, אָדער קאָכאַנקעס. אַ סך פֿון זײ פֿלעגן אפֿילו אַהיימשיקן פּעקלעך מיט מלבושים קיין דײַטשלאַנד פֿאַר זייערע ווײַבער און קינדער.

---

_איך און למך_. תּל-אָבֿיבֿ : פֿאַרלאַג ״ישׂראל-בוך״, 1994, זז׳ 12-26.